בס"ד
בראשית תשפ"ד
גליון 160

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### וויאַזוֹי אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען שֶׁפַע

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ וּמַה יָּפָה יְרוּשָּׁתֵנוּ. יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז הָאט גֶעהַאט אַן עֲלִיָּה לַתּוֹרָה אִין דֶעם הֵיילִיגֶען יוֹם טוֹב "שִׂמְחַת תּוֹרָה" כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ חֵלֶק אוּן אַ טֵייל אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מִיר הַאלְטְן בַּיי "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט עוֹלֶה זַיין שִׂמְחַת תּוֹרָה דִי עֲלִיָּה פוּן "חָתָן תּוֹרָה" וָואס מִיט דֶעם עֲלִיָּה עֶנְדִיגְט מֶען דִי תּוֹרָה אוּן מְ'שְׁרַייט "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק". ר' נָתָן פְלֶעגְט עוֹלֶה זַיין "חָתָן בְּרֵאשִׁית", דָאס אִיז דִי עֲלִיָּה וָואס מְ'הֵייבְּט אָן צוּ לֵיינֶען "בְּרֵאשִׁית בָּרָא וְכוּ'. ר' נָתָן הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט פַּארְוָואס אִיז דֶער רֶבִּי עוֹלֶה חָתָן תּוֹרָה צוּ עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה? וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אוּן אוֹיסְגֶעפִּירְט זַיין זַאךְ בִּשְׁלֵמוּת, אָבֶּער אוּנְז דַארְפְן אַלֶע מָאל אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי. בִּפְרַט אַז מֶען לֵיינְט בְּרֵאשִׁית, דִי נַייעֶ הַתְחָלָה דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע דַּרְגָּה אָדֶער עֶלְטֶער עֶר גֶעפִינְט זִיךְ כְּסֵדֶר אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי, אוּן נִישְׁט צוּרִיקְקוּקְן אוֹיף וָואס ס'אִיז גֶעוֶוען, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי אַ נַיי גֶעבּוֹירְן קִינְד וָואס אִיז נָארְוָואס אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

יֶעדֶעס קִינְד קֶען דִי פָּסוּק פוּן קִדּוּשׁ אוֹיף אוֹיסְנֶווייניג 'וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ.. אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת', אִינֶעם זִיבֶּעטְן טָאג אִיז שׁוֹין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בַּאשַׁאפוּנְג גֶעוֶוען פַּארְטִיג. דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט, וָואס מֵיינְט דָאס וָוארְט 'לַעֲשׂוֹת'? פְּשַׁט אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף פַארְעֶנְדִיגְן דִי מְלָאכָה. לָאמִיר נֶעמֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל אַ וֵוייץ וָואס וַואקְסְט, נָאכְן אָפְּשְׁנַיידְן דַארְף מֶען דָאס צוּמָאלְן צוּ קֶענֶען מַאכְן פוּן דֶעם אַ בְּרוֹיט. הָאלְץ דַארְף מֶען צוּשְׁנַיידְן מְ'זָאל קֶענֶען פוּן דֶעם מַאכְן אַ טִישׁ, אַזוֹי אַלֶע זַאכְן דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְדִיגְן. קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מֶענְטְשׁ. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בְּרוּחָנִיּוּת, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיפְן פָּסוּק 'וְכֹל שִׂיחַ הַשָּׂדֶה טֶרֶם יִהְיֶה בָאָרֶץ וְכָל עֵשֶׂב הַשָּׂדֶה טֶרֶם יִצְמָח... וְאָדָם אַיִן לַעֲבֹד אֶת הָאֲדָמָה' (בְּרֵאשִׁית פֶּרֶק ב פָּסוּק ה') אַלֶע

המשך אויף זייט 5












# איין מעשה'לע



## מִיטְן רֶעכְטְן פוּס...

"אוֹי, דַייְנֶע שִׁיךְ זֶענֶען שוֹין נִישְׁט אִין קֵיין גוּטְן מַצָב," הָאט מִיר מַיין מַאמֶע גֶעמָאלְדְן, "מֶען דַארְף שוֹין קוֹיפְן נַייְעֶ." אוּן בַּיי דֶעם אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְּן. בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט עֶס נִישְׁט אַטָאמַאטִישׁ, וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן לוֹיפְט מֶען עֶס גְלַייךְ קוֹיפְן, נָאר מֶען בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. צוּמָאל קֶען מֶען בֶּעטְן אוֹיף אַ זַאךְ פַאר לַאנְגֶע חֳדָשִׁים בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דָאס. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג דִי פוּלֶע טַאשְׁן אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט שוֹין יָא דָאס גֶעלְט טְרֶעפְט מֶען נִישְׁט אַלֶעמָאל גְלַייךְ דָאס וָואס מֶען זוּכְט. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט מַיינֶע שִׁיךְ.

עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף שִׁיךְ. אִיךְ הָאבּ וֵוייעֶנְדִיגֶע פִּיס וָואס דַארְפְן סְפֶּעצִיעֶלֶע שִׁיךְ אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן פַּאסִיגֶע שִׁיךְ וָואס זָאל מִיר זַיין בַּאקְוֶועם אוּן אָרֶענְטְלִיךְ. אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ שוֹין יָא גֶעפוּנֶען אַ שִׁיךְ אִיז דֶער פְּרַייז גֶעוֶוען צוּ הוֹיךְ צוּ בֶּעטְן פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן. יֶעצְט עֶרֶב סֻכּוֹת זֶענֶען שוֹין מַיינֶע שִׁיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעטְרָאטְן.

"גֵיי אַרוֹיס אוּן קוֹיף זִיךְ שוֹין שִׁיךְ, אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל," הָאט מִיר מַיין מַאמֶע גֶעזָאגְט. "קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי פְּרַייז. אוֹיבּ דוּ טְרֶעפְסְט אַ גוּטֶע שוּךְ בַּאצָאל אוּן פַארְטִיג!"

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה. אִיךְ בִּין אַרוֹיס צוּם גֶעשֶׁעפְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אָנְצוּפְּרוּבִּירְן אֵיין שוּךְ נָאכְן צְוֵוייטְן בִּיז אִיךְ הָאבּ עֶנְדְלִיךְ מַשְׁלִים גֶעוֶוען מִיט אַ פָּאר. פְרֵיילִיכֶערְהֵייט גֵיי אִיךְ צוּ צוּם בַּאצָאלֶער אוּן דֶערְלַאנְג דִי שִׁיךְ צוּ בַּאצָאלְן. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מִיט דֶעם בִּין אִיךְ שוֹין פַארְטִיג מִיט דִי פַּרְשֶׁה. אָבֶּער נֵיין. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאךְ גֶעוָואלְט מַיינֶע תְּפִלּוֹת. דֶער קָאמְפְּיוּטֶער צוּ בַּאצָאלְן הָאט זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג פַארְקְנַאקְט. דֶער אַרְבֶּעטֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען גֶעלְט פוּן מִיר. עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט אַהֶער אוּן אַהִין, אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי קְנֶעפְּלֶעך אוּן דֶערְנָאךְ אָנְגֶעצִינְדְן אָבֶּער אֵין קוֹל וְאֵין עוֹנֶה. דֶער קָאמְפְּיוּטֶער הָאט גָארְנִישְׁט רֶעאַגִירְט.

"אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן," הָאט דֶער בַּאצָאלֶער מִיר גֶעמָאלְדְן. "דוּ קֶענְסְט דָאס לָאזְן אִין זַייט אוּן קוּם צוּרִיק בַּיינַאכְט, בִּיז דַאן וֶועט עֶס שוֹין זִיכֶער אַרְבֶּעטְן."

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעטוּן. אִיךְ קוּם צוּרִיק בַּיינַאכְט אוּן דֶער בַּאצָאלֶער וֶוערְט פַארְלוֹירְן, "אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, מַמָּשׁ יֶעצְט הָאט דֶער קָאמְפְּיוּטֶער גֶעאַרְבֶּעט אוּן וִוי נָאר דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט דָאס אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ אַרְבֶּעטְן!"

אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רֶמֶז פוּן מַיין טַאטֶע'ן אִין הִימְל. אִיךְ הָאבּ מִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען וֶוען אִיךְ בִּין דִי גַאנְצֶע צַייט וַוייטֶער מִתְפַּלֵל אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר שֶׁענְקֶען גוּטֶע שִׁיךְ. עֶס לֵיינְט זִיךְ טַאקֶע אִינְטֶערֶעסַאנְט אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אִין גֶעגְנְט אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אָפְּנֶעמֶען דִי שִׁיךְ הָאט שוֹין דֶער קָאמְפְּיוּטֶער גֶעאַרְבֶּעט אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען מַיין מַתָּנָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער, גוּטֶע נַייעֶ שִׁיךְ.

# דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע שַׁדְכָנוּת גֶעלְט

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אִיצִיקְ'ל דְרָאהאבִּיטְשֶׁ'ער (דֶער פָּאטֶער פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מִיכְלֶ'ע זְלָאטְשׁוֹבֶער) - וָועלְכֶער הָאט זִיךְ גֶעצֵיילְט צְווִישְׁן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע פוּן דִי חֶבְרַיָא קַדִישָׁא פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ - הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע גֶערָאטֶענֶע פְרוֹי, זַייעֶנְדִיג אַ גְרוֹיסֶע יִרְאַת ה', און דֶערְצוּ אִיז זִי גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט אַ גֶעוואַלְדִיגֶע עֲשִׁירוּת.

נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז גֶעוָוארְן אַן אַלְמָנָה, הָאבְּן זִיךְ פִילֶע גֶעקֶערְט צוּ אִיר, אָנְטְרָאגְנְדִיג גָאר שֵׁיינֶע שִׁידוּכִים, צִיעֶנְדִיג מְיוּחָס'דִיגֶע קֵייטְן און זֶעלְבְּסְט גֶעהוֹיבֶּענֶע אִינְגֶעלַייט - לוֹיט ווִי עֶס הָאט זִיךְ גֶעפַּאסְט פַאר אִיר שְׁטַאנְד, אָבֶּער צוּ אַלֶעמֶענְס וואוּנְדֶער הָאט זִי אַלֶעם אָפְּגֶעזָאגְט, און קֵיין אֵיינְס פוּן דִי אָנְגֶעטְרָאגֶענֶע שִׁידוּכִים הָאט נִישְׁט גֶעפַאנְגֶען אִיר הַארְץ.

אִין אֵיינְס פוּן דִי טֶעג הָאט זִי דֶערְגְרֵייכְט צוּם טִיר פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם, וָוען זִי וֶוענְדְט זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק אַז עֶר זָעלְבְּסְט זָאל אוֹיסְוֶועלְן פַאר אִיר אַ פַּאסִיגְן שִׁידוּךְ, אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶעם אִינְגֶערְמַאן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט פַארְמַאכְט זַיינֶע אוֹיגְן, און אַ שְׁטִילְקֵייט הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען דֶעם צִימֶער, דַאן, נָאךְ אַ לֶענְגֶערֶע ווַיילֶע פוּן אַיינְגֶעהַאלְטֶענֶע שְׁטִילְקֵייט, רוּפְט זִיךְ דֶער צַדִיק אָן צוּ אִיר: "מַיין תַּלְמִיד, רֶבִּי נַחְמָן הָארָאדֶענְקֶע'ר, עֶר אִיז דַיין בַּאשֶׁערְטֶער".



אִין יֶענֶע צַייט, הָאט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הָארָאדֶענְקֶע'ר פַּארְלוֹירְן זַיין עֶרְשְׁטֶע פְרוֹי. ווִי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ הָאט מֶען אִים גֶערֶעדְט דִי שֶׁענְסְטֶע שִׁידוּכִים, אָבֶּער טְרָאצְדֶעם אַלֶעם הָאט אִים נִישְׁט גֶעצוֹיגְן קֵיין אֵיינְס פוּן זֵיי, וַוארְטְנְדִיג אַז דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאל אִים צוּשִׁיקְן זַיין בַּאשֶׁערְטֶע.

וָוען רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעהֶערְט דִי רֵייד פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גְלַייךְ אַיינְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן שִׁידוּךְ, און בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט מֶען גֶעבְּרָאכְן טֶעלֶער צוּם שִׁידוּךְ.

נָאכְן תְּנָאִים הָאט רֶבִּי נַחְמָן גֶעוָואנְדְן זַיינֶע טְרִיט צוּם שְׁטוּבּ פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, און אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר קוּמְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַלְס שַׁדְכָנוּת גֶעלְט.

"מִיר וֶועלְן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין אִינְאֵיינֶעם

מִיטְן קִינְד וָואס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם שִידוּךְ - אָט דָאס וֶועט זַיין דִי שַדְכָנוּת גֶעלְט" - הָאט דֶער בַּעַל שֵם טוֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט קוּקְנְדִיג מִיט זַיינֶע וַוייטֶע אוֹיגְן.

"אָבֶּער רֶבִּי", הָאט רֶבִּי נַחְמָן פָארְגֶעוָוארְפְן, "אִיךְ צִי זִיךְ דָאךְ אַלֶץ אַ גְלַייכֶער אֵיינִיקְל פוּן מַלְכוּת בֵּית דָוִד, בִּיז דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּלוֹם". דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵם טוֹב הָאט זִיךְ נִישְט פַארְזוֹימְט, נָאר תֵּיכֶף אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַ 'מְגִלַּת יוֹחֲסִין' פוּן שוּפְלָאד, אָנְוַוייזְנְדִיג אַז עֶר פַארְמָאגְט אוֹיךְ אַזַא יִחוּס...

***

נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט רֶבִּי נַחְמָן זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ זַיין נַייעֶם וַוייבּ, אִיר זָאגְנְדִיג אַז עֶר מוּז זִיךְ זָאפָארְט אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף אַ רַייזֶע, אוֹיפְצוּטוּן פַארְשִידֶענֶע הֶעכֶערֶע עִנְיָנִים, אוּן אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע וַויילֶע וֶועט עֶר זִיךְ הָאפְנְטְלִיךְ אוּמְקֶערְן.

אַ קַיילֶעכִיגֶע יָאר אִיז אַרִיבֶּער, אָבֶּער פוּן רֶבִּי נַחְמָן דֶערְקֶענְט זִיךְ נִישְט קַיין שוּם שְפִּירְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְט וואוּ אַהִין עֶר אִיז פַארְשְוואוּנְדְן גֶעוָוארְן... זַיין וַוייבְּ'ס הַארְץ אִיז גֶעוֶוען פַארְקְלֶעמְט הָאפְנְדִיג אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ טָאג אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוּמְקֶערְן.

אִין אִיר קְלֶעם הָאט זִי זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּם שַדְכָן - דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵם טוֹב, אוֹיסְגִיסְנְדִיג אִיר פַארְבִּיטֶערְטֶע הַארְץ נִישְט וואוּסְנְדִיג וָואס וֶועט זַיין אִיר עֶנְדְגִילְטִיגְן שוּקְזַאל.

"ווִי נָאר אִיךְ וֶועל בַּאגֶעגֶענֶען מַיין תַּלְמִיד, וֶועל אִיךְ רֶעדְן מִיט אִים דֶערְוֶועגְן", הָאט אִיר דֶער צַדִּיק פַארְזִיכֶערְט.

אִין אֵיינְס פוּן דִי טֶעג, שְטֶעלְט זִיךְ רֶבִּי נַחְמָן פַאר זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי, וִוי נָאר דֶער בַּעַל שֵם טוֹב הָאט אִים בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר גֶעוָואנְדְן זַיינֶע פַארְוואוּנְדֶערְטֶע אוֹיגְן אִין זַיין תַּלְמִיד'ס רִיכְטוּנְג - "פַארְוָואס בַּאוַוייזְטוּ זִיךְ נִישְט פַאר דַיין שְטוּבּ ?" הָאט אִים דֶער צַדִּיק פָארְגֶעהַאלְטְן.

"רֶבִּי", הָאט רֶבִּי נַחְמָן גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שֶעמֶעוְודִיגֶע שְטִימֶע, "אִיךְ וֵוייס בַּיי מִיךְ אַז וִוי נָאר זִי וֶועט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד, וֶועט זִי גְלַייךְ פַארְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערְפַאר פְּרוּבִּיר אִיךְ עֶס אָפְּצוּשְטוּפְּן אוֹיף וִוי שְפֶּעטֶער".

דֶער בַּעַל שֵם טוֹב הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נַחְמֶן'ס רֶעבֶּעצִין דִי גֶענוֹיעֶ וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נַחְמֶן'ס מוֹיל, אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט הָאט זִיךְ דִי פְרוֹי אָנְגֶערוּפְן - "אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט אִיז זִיכֶער אֱמֶת, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ נֶעמֶען אוֹיף מִיר דִי רִיזִיקֶע"!

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט, אֵיידֶער זִי הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דִי נְשָמָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט זִי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִירֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל, בֶּעטְנְדִיג "רִבּוֹנוֹ שֶל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר כָאטְש אַ חֹדֶש צַייט אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט מַיין נַיי-גֶעבּוֹירֶענֶעם קִינְד, אוּן נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ שֶעפְּן אַבִּיסְל נַחַת אוֹיף דֶער וֶועלְט..." *המשך יבוא בעז"ה*

# מודעה חשובה



די מתנות פאר די קינדער וואס האבן זיך אונטערגענומען צו לערנען די ספרים משך די לעצטע צוויי חדשים, איז שוין אנגעגרייט.

צו קענען באקומען דיין מתנה, רוף אריין אין טעל-ליין און לאז איבער א קלארע הודעה מיט דיינע פרטים.

א באזונדערע ספעציעלע מתנה איז אנגעגרייט פאר די קינדער וואס האבן שוין געענדיגט לערנען דעם ספר.

מיר וועלן בעז"ה אנגרייטן די מתנות, און איינמעלדן ווען און וואו מען קען עס אפנעמען.



המשך פון זייט 1

גְרָאז אוּן גְרִינְס זֶענֶען נָאךְ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער עֶרְד, סְ'שְׁטֵייט דָאךְ שׁוֹין אִין דֶעם דְרִיטְן טָאג 'וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ דֶשֶׁא..' אַז דֶעמָאלְט אִיז דִי גְרָאז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּאשַׁאפְן? נָאר דֶעם דְרִיטְן טָאג זֶענֶען דִי גְרָאז אַרוֹיס בִּיז דִי עֶפֶענוּנְג פוּן דֶער עֶרְד, אוּן וִויבַּאלְד עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר רֶעגְן, אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְן אִין דֶער עֶרְד, וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף רֶעגְן דֶעמָאלְטְס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן שְׁפְּרָאצְן גְרָאזֶעלֶעך אוּן בֵּיימֶער.

מִיר זֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויפִיל מֶער אַ אִיד דַאוְונְט אוּן בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ מֶער שֶׁפַע, מִיט דֶעם וֶוערְט נִתְגַלֶה דִי גוּטְסְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג אוּן שַׁעֲשׁוּעִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין גוּטְס, נָאר עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן דַאוֶוענֶען צוּ אִים אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים אוּן עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶועט עֶר מַשְׁפִּיעַ זַיין אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַאר אוּנְז אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטְן זָאל הֶעלְפְן אַז דָאס יָאר זָאל זַיין אַ שְׁנַת שֶׁפַע סַיי אִין רוּחָנִיוּת אוּן סַיי אִין גַשְׁמִיוּת, מִיר זָאלְן לֶעבְן נָאר מִיט אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, נִישְׁט צוּ וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי טֶבַע אוּן נַייעֶסְן וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין דִי גַאסְן, אוּן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין גָאט וָואס הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן אוּן יֶעדֶע פְּרָט אִין דִי בְּרִיאָה וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְךְ אִים אַלֵיין.

# א שמועס מיט'ן זיידן



## נאָר אמונה

זֵיידֶע – הָא בֶּערֶעלֶע, וָואס פַּארְצֵיילְסְטוּ גוּטֶע זַאכְן?

**בֶּערֶעלֶע – גוּטֶע זַאכְן?! אִיךְ וֵויִיס נִישְׁט.. וואו אִיךְ גֵיי שְׁטֵייעֶן קוּפְּקֶעס און רֶעדְן אַרוּם וֶועגְן דִי קְרִיג מִיט דִי אַרַאבֶער, אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען לַיידֶער אוּמְגֶעקוּמֶען, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּטוּמְלְט און דֶערְשְׁרָאקְן וָואס גֵייט דָא פָּאר?**

זֵיידֶע – יָא, נֶעבֶּעךְ, נֶעבֶּעךְ, סְ'גִיסְט זִיךְ אִידִישֶׁע בְּלוּט, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן און אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן פִינְסְטֶערְן גָלוּת...

**בֶּערֶעלֶע –אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער זָאגְט אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען סִימָנִים פוּן הִימְל אַז מָשִׁיחַ גֵייט שׁוֹין קוּמֶען!**

זֵיידֶע – הַלְוַואי, בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ... דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה אַז "מִלְחָמָה אַתְחַלְתָּא דִגְאֻלָּה הִוא" אָבֶער דָאךְ אִיז וִויכְטִיג צוּ בַּאמֶערְקְן אַז מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, כָאטְשׁ מִיר הָאפְן און בֶּעטְן און וַוארְטְן אוֹיף זַיין קוּמֶען יֶעדְן טָאג, דָאךְ לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיס ( חַיֵּי מוֹהֲרַן תקכ"ז) מֶען זָאל נִישְׁט פְּרָאבִּירְן פָּארְשְׁטְן פוּנְקְט וֶוען עֶר וֶועט קוּמֶען, דִי יָאר אָדֶער יֶענֶע צַייט א.ד.ג. וַוייל עֶס שְׁטֵייט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען פְּלוּצְלוּנְג בְּהֶסַח הַדַּעַת, און אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע צַייט אַז דֶעמָאלְס וֶועט עֶר קוּמֶען וֶועט עֶר אִין דֶעם צַייט זִיכֶער נִישְׁט אָנְקוּמֶען חַס וְשָׁלוֹם, דֶערִיבֶּער פְּלֶעגְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּין זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, וָואס דֶען הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן? זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוְונְט פָּשׁוּט און גֶעוֵויינְט יֶעדֶע נַאכְט בִּתְמִימוּת מִיט טְרֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן בִּיטֶערְן גָלוּת בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת

**בֶּערֶעלֶע – זֵיידִי, וָואס דַארְף מֶען טוּן אִין אַזַא צַייט?**

זֵיידֶע–יֶעצְט דַארְף מֶען דֶער עִיקָר שְׁטַארְקְן דִי אֱמוּנָה! אַז אַלֶעס אִיז פוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער! קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט קֶען נִישְׁט רוּקְן זַיין קְלֵיין פִינְגֶער און קֶען אוּנְז גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אָן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן! אַלֶעס אִיז פוּן אִים! צוּם גוּטְן און אוֹיךְ פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם! יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז לַיידֶער גֶעשֶׁעְן אִיז פוּנְקְטְלִיךְ רִיכְטִיג אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט און מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין זַיינֶע וֶועגְן.

**בֶּערֶעלֶע – דָאס מֵיינְט אֱמוּנָה? כְ'הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אֱמוּנָה אִיז עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע זַאכְן... דָאס וֵוייסְט דָאךְ יֶעדֶער אֵיינֶער?**

זֵיידֶע – אֱמוּנָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ! דֶער רֶבִּי זָאגְט: "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה," (לקוטי מוהרן תנינא ה') דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה, פַארְשְׁטֵייט מֶען פוּן דֶעם אַז אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט נָאךְ עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע דַרְגָה, נָאר אֱמוּנָה אִיז דֶער עִיקָר פוּן אַלֶעס! נָאךְ מֶער שְׁרַייבְּט

דָארְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה" יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זוּכְן בַּיי זִיךְ אַלֵיין וואוּ עֶר הַאלְט מִיט זַיין אֱמוּנָה אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן! מְחַזֵּק זַיין דִי אֱמוּנָה! וַוייל אַלֶע קְרֶענְק אוּן צָרוֹת קוּמְט פוּן דֶעם וָואס מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה.

וָואס אִיז טַייטְשׁ אֱמוּנָה? - גְלוֹיבְּן! דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף זִיךְ פְרֶעגְן אִין וָואס גְלֵייבּ אִיךְ?

בֶּערֶעלֶע - אִיךְ מֵיין אַז אַלֶע אִידְן גְלֵייבְּן אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

זֵיידֶע - רִיכְטִיג, בֶּאֱמֶת אִין טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְצְן גְלֵייבְּן מִיר אַלֶע אִין הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער דָאךְ שְׁרַייבְּט דֶער רֶבִּי אַז יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן אַזוֹי וִוי אַ דָאקְטֶער וָואס בַּאטְרַאכְט אַ פַּאצִיעֶנְט וֶוען עֶפֶּעס טוּט אִים וֵויי אוּן פוּן אוֹיבְן-אוֹיף זֶעט מֶען נִישְׁט דִי סִבָּה צוּ דִי וֵוייטָאג, דֶעמָאלְס זוּכְט דֶער דָאקְטֶער אוּנְטֶער דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ גֶעפִינֶען וואוּ דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז כְּדֵי עֶר זָאל אִים קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען וִויסְן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעהַאט אַ רֵיינֶע גַאנְצֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה וָואלְט עֶר גֶעוֶוען פְרֵיילֶעךְ אוּן צוּפְרִידְן, אוּן רֵיין פוּן יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידָה. קִנְאָה, שִׂנְאָה, כַּעַס, עַצְבוּת קוּמְט וֶוען עֶס פֶעלְט אִין אֱמוּנָה, וֵוייסְטוּ פַארְוָואס בֶּערֶעלֶע?

בֶּערֶעלֶע - אִיךְ מֵיין אַז יָא, וַוייל אוֹיבּ מֶען גְלֵייבְּט בֶּאֱמֶת אַז אַלֶעס אִיז פוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶעמָאלְס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, וַוייל אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט מִיר סֵייוֶוי פּוּנְקְטְלִיךְ וִויפִיל אִיךְ דַארְף הָאבְּן! אַזוֹי אוֹיךְ וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶערֶעגְט וֶוען אֵיינֶער טוּט מִיר שְׁלֶעכְטְס אוּן אִים פַיינְט גֶעהַאט וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט יֶענֶער זָאל מִיר אַזוֹי טוּן...

זֵיידֶע - פּוּנְקְט אַזוֹי! דֶערִיבֶּער לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיס, צוּ זִיצְן יֶעדְן טָאג מִיט זִיךְ אַלֵיין אוּן דַאן זִיךְ אִיבֶּערְקְלֶערְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער וואוּ הַאלְט אִיךְ אִין מַיין אֱמוּנָה? וָואס גֵייט פָּאר מִיט מִיר? אָן אֱמוּנָה קֶען מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען, וַוייל כְּדֵי צוּ דַאוֶוענֶען דַארְף אַ אִיד גְלוֹיבְּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֵייט אִיבֶּער אִים אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר זָאגְט אוּן עֶר קֶען אִים אַוַודַאי הֶעלְפְן אִין אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק... אַלֶעס אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין אֱמוּנָה. אוּן צוּ בַּאקוּמֶען אֱמוּנָה אִיז דִי עֵצָה, רֶעדְן, רֶעדְן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, בַּאשֶׁעפֶער בַּאוַוייז זִיךְ צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער א.א.וו.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף ר' מִיכָאֵל בֶּער וַוייסְמַאנְדְל זַ"ל וָואס וִוי בַּאוואוּסְט הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט אִין דִי צַייט פוּן דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְטְ'ס קְרִיג צוּ רַאטֶעוֶוען אִידְן, וֶוען דִי צִיוֹנִים הָאבְּן לֵיידֶער אוּנְטֶערְגֶעלֵייגְט פִיסְלֶעךְ אוּן צוּשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר פְּרָאבִּירְט טוּן צוּ רַאטֶעוֶוען דִי אִידְן, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַלֵיין קוֹים אַנְטְלָאפְן וֶוען עֶר זֶעט אַנְטְקֶעגְן זַיינֶע אוֹיגְן וִוי מֶען פִירְט צֶענְדְלִיגֶער בַּאנֶען צוּ זֵייעֶר לֶעצְטֶע וֶועג... צוּבְרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, וֶוען עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וַוייטֶער גֵיין זַיין לֶעבְן פוּן גְרוֹיס צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. בִּיז עֶר

אִיז אַרײַנגעקומען צום ריי"צ זַ"ל וועלכער אִיז געזעסן אַ לענגערע צייט און אִים אויסגעהערט, ער האָט אִים פאַרציילט מיט ווייטאָג וויפיל ער האָט פּראָבירט שתדל'ען און אַרבעטן צו ראַטעווען אידן און ס'אִיז נישט געלונגען, ווען יעדע שטיק צייט שטעלט אִים דער ריי"צ זַ"ל אָפּ און פרעגט אִים ליבליך: "זאָג מיר ר' מיכאל בער, ווער האָט דאָס אַלעס געמאַכט?" ר' מיכאל בער טראַכט איין מינוט און ענטפערט: "דער אויבערשטער!" אַזוי אִיז געווען עטליכע מאָל, נאָך יעדע מעשה וואָס ער שטעלט אִים פאַר פרעגט אִים דער ריי"צ ווידער: "ווער האָט דאָס אַלעס אָנגעפירט?" און ווידער ענטפערט ער נאָך אַ רגע טראַכטן: "דער אויבערשטער!"

ר' מיכאל בער אִיז אַרויסגעקומען פון צימער אַ נייער מענטש! ער האָט אויפגעפרישט זיין אמונה! ס'אִיז דאָ אַ באַשעפער! ער האָט אַלעס געפירט! דער באַשעפער פירט אַלעס לטובה, כאָטש מען זעט נישט און מען פאַרשטייט נישט, אָבער מען גלייבט! דאָס האָט אִים אויפגעלעבט און אויפגעשטעלט אויף די פיס, ווייל אמונה בויעט אויף אַ מענטש, און שלעפּט אַרויס פון אַלע צרות.

בערעלע – אפשר קען מען מאַכן אויף דעם אַליין אַ תפלה: "הייליגער באַשעפער גיב מיר אמונה..."

זיידע – זיכער, ס'אִיז זייער אַ גוטע עצה, מיט תפלה קען מען אַלעס באַקומען. דער רבי האָט געזאָגט אַז פאַר משיח וועט קומען וועט זיין זייער שווערע נסיונות אין אמונה, און די צדיקים וועלן דאַרפן איינרייסן די קול צו שרייען און רעדן וועגן אמונה, און ער האָט געבעטן מען זאָל דאָס אויפשרייבן אין ספר מען זאָל געדענקען די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט, אַז אין די קומענדיגע דורות וועלן זיין אידן וואָס וועלן זען אַז דער צדיק האָט שוין יאָרן בעפאָר געזען זייערע שוועריקייט אין אמונה און האָט שוין גערעדט וועגן דעם, וועלן זיי זיך שטאַרקן דורך דעם אין זייער אמונה אין אויבערשטן און אין זיינע הייליגע צדיקים. (שיחות הר"ן קכו)

הדפסת הגליון נתנדב ע"י

לע"נ הרה"צ רבי חיים זאנוויל
בן רבי משה מריבניץ זי"ע

הר"ר יעקב דוד ראטנבערג הי"ו
לרגל הכנסת בנו הב' יואל צבי נ"י
לעול התורה והמצות

הר"ר יוסף זאב בראוער הי"ו
לרגל הכנסת בנו הב' נחמן נ"י
לעול התורה והמצות

הר"ר אלעזר בלוי הי"ו
לע"נ אביו ר' משה אורי בן יעקב ישעי' ע"ה

הר"ר שמעי' דאווידאוויטש הי"ו
לרגל הכנסת בנו הבה"ח
לעול התורה והמצות

# מַעֲשֶׂה ג׳ - דֶער הֶגֶר

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶועֶן אַ חָכָם. פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גִירוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן הָאט זֵיי גִילָאזְט צַוָואָה. אַז זֵיי זָאלִין אָן טְרֶינְקֶען בֵּיימֶער. אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ. נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער.

דֶער נָאךְ אִיז דֶער חָכָם גִישְׁטָארְבְּן. אוּן הָאט גִילָאזְט קִינְדֶער. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אֵיין זוּן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גִיקָאנְט גֵיין. שְׁטֵיין הָאט עֶר יָא גִיקָאנְט. נָאר גֵיין הָאט עֶר נִיט גִיקָאנְט. פְלֶעגִין אִים דִי בְּרִידֶער גֶעבִּין סִיפּוּק אוֹיף זַיין פַּרְנָסָה.

אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אַזוֹי פִיל גִיגֶעבִּין. בִּיז עֶס אִיז אִים נָאךְ אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן. הָאט עֶר זִיךְ צוּם אוֹיף גִיזַאמִילְט בִּיסְלִיךְ וַוייס דָאס וָואס עֶס אִיז אִים אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן חוּץ פַּרְנָסָה. בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אָן גִיזַאמִילְט אַסַאךְ גֶעלְט.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןְ. נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ בַּיי זֵיי קִצְבָּה נֶעמֶען בֶּעסֶער וֶועל אִיךְ אָן הֵייבִּין מַשָּׂא וּמַתָּן צוּ טָאן אוּן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט גֵיין.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןְ. עֶר וֶועט זִיךְ דִינְגֶען אַ פִיר מִיט אֵיין נֶאֱמָן מִיט אֵיין בַּעַל עֲגָלָה. אוּן וֶועט מִיט זֵיי פָארִין קֵיין לַייפְּצִיק. וֶועט עֶר קֶענֶען פִירִין דֶעם מַשָּׂא וּמַתָּן. כָאטְשֶׁע עֶר קָאן נִיט גֵיין.

וִוי דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דָאס דֶער הֶערְט אִיז דָאס זֵיי זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין. אוּן הָאבִּין אוֹיךְ גִיזָאגְט. נָאךְ וָואס זָאלִין מִיר אִים גֶעבִּין הַסְפָּקָה. בֶּעסֶער לָאז עֶר זִיךְ מַאכְן אֵיין פַּרְנָסָה. אוּן הָאבִּין אִים נָאךְ צוּ גִילִיגֶען גֶעלְט. כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען פִירִין דֶעם מַשָּׂא וּמַתָּן. הָאט עֶר אַזוֹי גִיטָאן.

אוּן הָאט זִיךְ גִידוּנְגֶען אַ פִיר אוּן אַ נֶאֱמָן אוּן אַ בַּעַל עֲגָלָה. אוּן אִיז גִיפָארְן. אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין קְרֶעטְשְׁמֶע. הָאט דֶער נֶאֱמָן גִיזָאגְט אַז מִ׳זָאל דָארְט נֶעכְטִיגְן. הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גִיבֶּעטֶען. אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּער גִישְׁפַּארְט. זֶענֶען זֵיי אַוֶועק גִיפָארִין פוּן דָארְט אוּן זֶענֶען פַאר בְּלָאנְזֶעט גִיוָוארִיטְן אִין אַ וַואלְד. זֶענֶען זֵיי אָן גִיפַאלִין גַזְלָנִים.

אוּן דִי גַזְלָנִים זֶענֶען גִיוָוארִין עַל פִּי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז אַמָאל גִיוֶועןְ הוּנְגֶער אִיז אֵיינֶער גִיקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין אוּן הָאט אוֹיס גִירוּפְן. וֶוער עֶס וִויל עֶסִין זָאל צוּ אִים קוּמֶען.

זֶענֶען צוּ אִים גִיקוּמֶען כַּמָּה מֶענְשְׁן הָאט עֶר גִיזֶעהְן דִי מֶענְשְׁן וָואס קוּמֶען אִים נִיט צוּ נִיץ. הָאט עֶר זֵיי מַדְחֶה גִיוֶועןְ צוּ אֵיינֶעם הָאט עֶר גִיזָאגְט דוּ קָאנְסְט זַיין אֵיין בַּעַל מְלָאכָה. אוּן צוּ דֶעם הָאט עֶר גִיזָאגְט

דוּ קָאנְסְט זַיין אִין אַ מִיל. אוּן הָאט אוֹיס גִיקְלִיבְּן נָאר קְלוּגֶע יוּנְגֶען. אוּן אִיז מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען אִין וַואלְד אַרַיין. אוּן הָאט זֵיי אָן גִירֶעט אַז זֵיי זָאלִין וֶוערִין גַזְלָנִים. בַּאֲשֶׁר פוּן דַאנֶעט גֵייעֶן וֶועגִין. קֵיין לַייפְּסִיק א וּן קֵיין בְּרֶעסְלָא. אוּן צוּ אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער. פָּארִין דָא דוֹרְךְ סוֹחְרִים. וֶועלִין מִיר זֵיי רַבִּיוֶוען. וֶועלִין מִיר הָאבְּן גֶעלְט (אַזוֹי הָאט דֶער גַזְלָן וָואס הָאט פְּרִיר אוֹיס גִירוּ פְן אִין שְׁטָאט זֵיי אָן גִירֶעט)

זֶענֶען דִי גַזְלָנִים אָן גִיפַאלִין אוֹיף זֵיי (דְהַיינוּ אוֹיף דֶעם וָואס הָאט נִיט גִיקָאנְט גֵיין אוּן אוֹיף זַיינֶע מֶענְשְׁן דְהַיינוּ דֶער נֶאֱמָן מִיט דֶעם בַּעַל עַגָלָה). דֶער נֶאֱמָן אוּן דֶער בַּעַל עַגָלָה הָאבִּין גִיקָאנְט אַנְטְלוֹיפֶען זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָפִין גִיוָוארִין. אוּן עֶר אִיז גִי בְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגִין. זֶענֶען דִי גַזְלָנִים צ וּ אִים גִיקוּמֶען אוּן הָאבִּין בַּיי אִים אַוֶועק גִינוּמֶען דָאס קֶעסְטִיל מִיט גֶעלְד

אוּן הָאבְּן אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס זִיצְטוּ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶר קָאן נִיט גֵיין. אוּן זֵיי הָאבְּן בַּיי אִים גִירַאבִּיוֶועט דָאס קֶעסְטִיל א וּן דִי פֶערְד. אוּן עֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגִין.

אוּן דֶער נֶאֱמָן מִיט דֶעם בַּעַל עַגָלָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפִין גִיוָוארִין הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. בַּאֲשֶׁר זֵיי הָאבִּין גִינוּמֶען פְּרוּקְלַאדִין בַּיי פְּרִיצִים נָאךְ וָואס זָאלִין זֵיי זִיךְ אוּם קֶערִין אַהֵיים. זֵיי קָאנֶען קוּמֶען

אִין קֵייטְן אַרַיין. בֶּעסֶער וֶועלִין זֵיי דָארְט בְּלַייבְּן (דָארְט וִוי זֵיי זֶענֶען אַהִין אַנְטְלָאפְן גִיוָוארִין) אוּן וֶועלִין דָארְט זַיין אֵיין נֶאֱמָן אוּן אֵיין בַּעַל עַגָלָה.

אוּן דֶער וָואס הָאט נִיט גִיקָאנְט גֵיין. וָואס עֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגִין. כָּל זְמַן עֶר הָאט נָאךְ גִיהַאט דִי סוּחֶערֶעס וָואס עֶר הָאט מִיט גִינוּמֶען פוּן דֶער הֵיים הָאט עֶר זֵיי גִיגֶעסִין.

דֶער נָאךְ אַז דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיס גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט נִיט גִיהַאט צוּ עֶסִין. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. וָואס טוּט מֶען. הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפּ גִיוָוארְפִין פוּן דֶעם וָואגִין עֶר זָאל עֶסִין גְרָאז. הָאט עֶר גִינֶעכְטִיגְט אַלֵיין אִין פֶעלְד. אִין עֶר אִיבֶּער גִישְׁרָאקִין גִיוָוארִין.

אִיז בַּיי אִים אַוֶועק גִינוּמֶען גִיוָוארִין דֶער כֹּחַ הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט אֲפִילוּ שְׁטֵיין. נָאר רוּקִין זִיךְ.

אוּן עֶר פְלֶעגְט עֶסִין דָאס גְרָאז וָואס עֶס אִיז גִיוֶוען אַרוּם אִים. אוּן כָּל זְמַן עֶר הָאט גִיקֶענְט דֶער לַאנְגֶען צוּם גְרָאז אוּן עֶסִין. הָאט עֶר גִיגֶעסִין.

דֶער נָאךְ אַז עֶס אִיז שׁוֹין אוֹיס גִיגַאנְגֶען דָאס גְרָאז אַרוּם אִים אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גִיקֶענְט דֶער לַאנְגֶען. הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גִירוּקְט וַוייטֶער. אוּן הָאט וַוייטֶער גִיגֶעסִין. הָאט עֶר אַזוֹי גִיגֶעסִין דָאס גְרָאז אַ צַייט.

שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## מַעֲשֶׂה ג׳ – דֶער הֶגֶר

**א. וואס האט דער חכם געלאזט צוואה פאר זיינע קינדער?**

- ❑ צו פלאנצן פרוכט
- ❑ צו אקערן פעלדער
- ❑ צו אנטרונקען ביימער

**ב. וואס האט דער חיגר יא געקענט?**

- ❑ גיין
- ❑ שטיין
- ❑ לויפן

**ג. פון וואו האט דער זון געהאט פרנסה?**

- ❑ ער האט באקומען פון גבאי צדקה
- ❑ ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ❑ די ברודער האבן אים געגעבן

**ד. ועמען האט ער מיטגענומען אויפ׳ן וועג?**

- ❑ א בעל עגלה
- ❑ א נאמן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט פאסירט אינמיטן וועג?**

- ❑ א גזלן האט זיי באפאלן
- ❑ גזלנים זענען זיי אנגעפאלן
- ❑ די וואגן האט זיך צובראכן

**ו. ווער איז אנטלאפן?**

- ❑ דער חיגר און דער נאמן
- ❑ דער נאמן און דער בעל עגלה
- ❑ דער חיגר דער נאמן און דער בעל עגלה

**ז. וואס האט ער געגעסן ווען ס׳האט זיך געענדיגט די עסן פון וואגן?**

- ❑ ער האט געטראפן ברויט
- ❑ ער האט נאר געטרונקען
- ❑ גראז

**ח. נאכדעם וואס ער האט געגעכטיגט אין פעלד האט ער געקענט שטיין?**

- ❑ ער האט צוריק אנגהויבן צו גיין
- ❑ ער האט געקענט שטיין
- ❑ ער האט נאר געקענט זיך רוקן

סיפורי מעשיות



וויו נאך אין סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט פון איינעם וואס האט נישט קיין פיס?

וועלכע זאך ווערט דערמאנט אין די מעשה און אויך אין מעשה ב׳ פון דער מלך און קייסער?

וואס האבן די בילדער שייכות צו די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך?







**דער געווינער אויף מלך און קייסער 6**
**איז הילד החשוב חיים גליק, לאנדאן,**

די מתנה קען מען נעמען ביי ר׳ שמחה בונם כהן אין לאנדאן

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72  646-585-3040**

בס"ד

# ווען איר שרייבט איין אייער קינד אין מתמידים
# 'והודעתם לבניך' גייט ער אריין אין א גורל *

**צו קענען אריינגיין אין סיי וועלכע ברסלב'ע שול אדער ברסלב'ע געשעפט וואו מען פארקויפט דעם רבי'נס ספרים א.ד.ג, און אנפילן א פולע פישקע. וואס ער פאקט זיך איין אין 'איינס און א האלב מינוט' איז זיינס.**




**די נומערן זיך איינצושרייבן:**

**ארץ ישראל:**
**073-351-7202**

**ניו יארק:**
**1-646-585-2977**

**ענגלאנד**
**020-376-97807**

דער נייער
זמן הייבט
זיך אן
בעז"ה
א' חשון

* געבינדן מיט עטליכע תנאים.